NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13309

DER GILDENER HON

Zishe Weinper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ווײַנפּער

דער גילדענער האָן

ב

„קינדערפֿרײַנד“,
ווארשע 1937

נומער
3
4טער יאָרגאַנג

10137

ז. ווײַנפּער

דער גילדענער האָן

אילוסטרירט: ו. וויטאַל.

„קינדערפֿרײַנד", וואַרשע 1937

Printed in Poland

Z. W A J N P E R

DER GILDENER HON

„Kinder-Frajnd" Warszawa 1937

זעצער־ין ה. גלאַנץ, טוראַגאַהטסקע 28 ה. 25

Druk. „Renoma", Warszawa

קוקורייקו

„קוקורייקו! קוקורייקו!"
קרייט מיט גאַדלעס אויס דער האָן.
„קוקורייקו! קוקורייקו!
קומט אַהער און קוקט מיך אָן!"
און די הינער: טיו־טיו־טיו!
קומען פון די ווינקלעך אָן.

איינע מיט אַ געלן פלעק
רוקט זיך נאָענט צו אים צו,
דרייט כאַניפעדיק דעם עק
און זי רעדט: „טיו־טיו! —
טײַערינקער, שיינער האָן,
כ׳האָב אַ קאָרן, נעם אים צו.
פאַר דעם פײַנעם, שיינעם טאָן
און דײַן קרייען, שרײַען,
קומט דיר דאָך אַ קרוין, אַ טראָן
און אַ טאָפּ מיט קלײַען."

הערט דער האָן צו איר זיך צו
און ער הייבט צו קרייען אָן: —
„קוקורייקו! קוקורייקו! —
פאַר דעם פײַנעם, שיינעם טאָן
און מײַן קרייען, שרײַען,

קומט מיר דאָך אַ קרוין, אַ טראָן
און אַ טאָפּ מיט קלײַען.״

און די הינער גיכער־גיך
מיט די פֿיס אַ שאַר, אַ קער,
שאַרן הויפֿנס אַרום זיך:
„ליבער האָן, אָ, קום אַהער!״
און דער גאַדלעסדיקער האָן
פֿרעגט נישט מער קיין שײַלע,
בלאָזט זיך ווי אַן אינדיק אָן,
עסט די קערנער אויף בײַ אַלע,
און די הינער — טיו־טיו־טיו!
קוקן מיט פֿאַרגאַפֿונג אָן
און זיי קוואָקען גליקלעך צו
צו דעם פֿרעסערל, דעם האָן.

העזל אויפן גראָז

הילפּלאָז לויפט אַ האָז
הין און הער.
הילפלאָזער פון האָז,
ווער איז, ווער?

ווײנט און קרעכצט דער האָז
אין דער נאַכט:
העזל אויפן גראָז
אומבאַוואַכט.

העזל אויפן גראָז, —
בּוּ, בּוּ, בּוּ.
און דאָס ווינטלבּלאָז —
הוּ, הוּ, הוּ.

העזל אויפן גראָז
נישט אַליין, —
אויך דאָס ווינטלבּלאָז
אין געוויין.

ווינטל און דער האָז
הין און הער, —
הילפלאָזער פון גראָז
ווער איז, ווער?

גרעזל, ווינט און האָז
אין געוויין.
העזל אויפן גראָז
נישט אַלייז.



קיצל-קעצל

זונשטראַל וויגט זיך אויפן דיל
און אין שטוב איז שאַ און שטיל.
זעט-דאָס קעצעלע דעם שטראַל,
טוט עס צו דעם שטראַל אַ פּאַל.
קיצל-קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

זונשטראַל וויגט זיך אויפן דיל,
קיצל-קעצל וויל אַ שפּיל.
שמעקט עס, לעקט עס, דרייט דעם עק,
רוקט זיך פון אים אָפּ מיט שרעק.
קיצל-קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

פּלוצלונג שפּרינגט עס אויף אויף גיך,
האָט עס שוין דעם שטראַל אויף ביך.
שפּרינגט עס, טאַנצט עס, טוט אַ פּאַל,
בײַסט און שלאָגט זיך מיטן שטראַל.
קיצל-קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

קיצל-קעצל פּיסל שאַרט —
שלעכטער זונשטראַל; וואַרט נאָר וואַרט!
קוקט אויף שטראַל מיט אַנגסט און שרעק,
טוט אַ נוס און טוט אַ שמעק,

קיצל־קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

קיצל־קעצל הייב און דריי,
וויל פֿון זונשטראַל מאַכן צוויי.
קיצל־קעצל הייב און פֿאַל,
אַלץ דער זעלבער איז דער שטראַל.
קיצל־קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

בלאָזט דאָס קעצל בייז זיך אָן,
שטייט און ווייסט נישט וואָס צו טון.
טוט אַ ניס, אַ לעק, אַ־שמעק,
רוקט פֿון שטראַל זיך אָפּ מיט שרעק.
נעמט זיך פּיעשטשען: מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.



בערל איז אַ יונג מיט ביינער,
נאָר ער קאָן נישט ציילן.
אַזאַ נאַריש יינגל איז ער,
ס'איז אַ כאַרפּע צו דערציילן.

וויפל איז אַ דריי און פינף?
גלאָצט ער מיט די אויגן.
— בערל, בערל! — ברומט דער טאַטע —
וועסט צו גאָר נישט טויגן!

נעמסט אַרונטער זעקס פון פערצן,
וויפל איז געבליבן?

קראַצט זיך בערל אויפן שטערן
און ער ענטפערט: „זיבן!"

בייזערט זיך אויף אים דער טאַטע: —
— בערערע, בערולע!
דריקט די מאַמע אים צום האַרצן: —
— בערל, מײַן געדולע!

בייזערט טאַטע זיך אויף מאַמען:
— וואָס וועט פון אים ווערן?
טרייסט די מאַמע זיך מיט האָפנונג:
— זאָל ער מיר נאָר עלטער ווערן.

-עלטער־שמעלטער!-ברומט דער טאַטע-
וועט צו גאָר נישט טויגן!
פילט זיך בערל שולדיק — שטייט ער,
גלאָצנדיק די אויגן.

א ייִנגעלע

איך קאָן אַ קליינטשיק ייִנגעלע
מיט ראָזע ווייכע בעקעלעך.
די הערעלעך צעפּלאָסענע,
זיי הענגען ווי די גלעקעלעך.

צעוויינט זיך ווען דאָס ייִנגעלע
און טרערט מיט זײַנע אייגעלעך:
דערציייל איך דעם אַ מײַסעלע
פון בלויע ווײַסע פייגעלעך.

אַנטשוויגן ווערט דאָס ייִנגעלע
עס ווישט זיך אויס די אייגעלעך,
און וואַרט, אַז קומען זאָלן באַלד
די בלויע, ווײַסע פייגעלעך.



האָדעלע איז קליין געדיקסיק,
מען זאָגט: — זי איז אַ זיבעלע
אייגעלעך — לאַמטערנדלעך,
אין בעקעלע — אַ גריבעלע.

און אַ גרויסע שטיפּערקע
איז אָט די קליינע האָדעלע!
דעם אַ שטעכיק שפּילקעלע
און יענעם מיט אַ נאָדעלע.

האָדעלע, אוי האָדעלע!
מען הערט נישט אויף צו קלאָגן זיך.

האָדעלע, אוי האָדעלע!
זי הערט נישט אויף צו שלאָגן זיך.

אַזאַ קליינטשיק מיידעלע,
שטיפּט מערער פון אַ יינגעלע.
גיט מען איר אַ מאָל אַ שטראָף,
באַווײַזט זי גלײַך אַ צינגעלע.

האַרבסט

אומבאַמערקט איז אָנגעקומען
האַרבסט צו מיר אין גאָרטן.
אָפּגעריסן און פאַרנומען
אַלץ, וואָס איז געוואַקסן דאָרטן.

ערשט נישט לאַנג — די צווייַגן
רוישיקע, באַלעבטע,
איצט אין טיפן שווייַגן,
ווי פייגעלעך געקעפּטע.

ליגן נאַקעט אַלע בייטן
און די ביימער הוילע,
פון די אַלע שיינע קווייטן —
דאָ און דאָרט א פוילע:

האַרבסט, אָ האַרבסט, דו ביסט א שלעכטער,
גאָר נישט דאָ געלאָזן!
קייַקלט ער זיך פון געלעכטער
איבער אַלע גראָזן.

נאָר איך וועל אים אַלץ פאַרגעבן,
ווייַל ער איז א בראַווער,
מערצישעם באַריאָר מ'עט לעבן
ווער איך מיט אים כאַווער.

שפּאַנט אַריבער פלויט אָן מוירע,
שאָקלט אָפּ די ביימער —
אָט אַזאַ מין שטיקל סכוירע,
שרעקט זיך גאָר נישט פאַרן שוימער.

עטל אין בעטל

קומט אָן דער באַגינען,
שלאָפט עטל שוין ניט:
דורך די גאַרדינען
אַ שטראַל איז צעגליט.

אַ פעטער פון ווינטן
גלעט ווייך אויף איר קאָפּ
און נעמט פון די פלייצעס
אַ פעקל אַראָפּ.

ער מאַלט אינעם צימער,
אוזאָר נאָך אוזאָר.
אַ גילדענער שימער
גילדט עטלען די האָר.

און שפּילעכלעך, צאַצקעלעך
פאַרשידענערליי,
זי האָט שוין קיין פלאַץ נישט
אין צימער פאַר זיי.

ליגט עטל אין בעטל
אַ שאַ נאָך אַ שאַ.
איז עטל אין בעטל
אי דאָ, אי נישטאָ.

אוי, זעט נאָר אַן העלפאַנט!
אוי זעט נאָר אַ פערד!
אַ פרינצל מיט שפּאָרן,
ווי גלאַנציק זיין שווערד!

אוזאָרן, אוזאָרן
און גאָלד דער קאָליר:
אַ וואָגן פאַרפאָרן
איז שטיל צו דער טיר.

און אָט איז אַן אינדיק,
אַ קעצל אַ האָן,
אַ ביימשל קאַרעלן
טוט עטל זיך אָן.

עס שמייכלט דער טאַטע,
די מאַמע זיך פרייט.
אַזוי כאָלעמט עטל
אין זיך שטילערהייט.

אַזוי כאָלעמט עטל
אַ שאָ נאָך אַ שאָ,
און עטל אין בעטל
איז דאָ און נישטאָ.



Opłata pocztowa uiszczona gotówką

פרייז 30 גר. פערטער יארגאנג № 3. 20 LISTOPADA 1937

„Kinder - Frajnd“

DWUTYGODNIK Wydanie B

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Nowolipki 30 m. 31

די אויסצייכנונג

פאר לייסטונגען אויפן געביט פון ייִדיש-וועלטלעכער קולטור און שול-בויונג פארן יאר 1937

איז דורך דער זשורי-קאמיסיע

ביים צ.ק. פון „בונד" אין פוילן

אנערקענט געווארן

דעם פארלאג „קינדערפריינד"



די נאענטסטע אויסגאבעס דערשיינט

דעם 5-טן דעצעמבער ה. י.